דיקייט, מיט סבלנות, דערטראָגנדיק איינער דעם
3 אַנדערן אין ליבע, און זייט פלייסיק אָפּצוהיטן די
אחדות פון דעם גייסט אין דעם קנופּ פון שלום:
4 איין גוף און איין גייסט, ווי איר זענט אויך
5 גערופן געוואָרן אין איין האָפענונג פון אייער רוף;
6 איין האַר, איין אמונה, איין טבילה; איין ג־ט און
פאָטער פון אַלעמען, וועלכער איז איבער אַלעמען
7 און דורך אַלעמען און אין אַלעמען. נאָר יעדן
איינעם פון אונז איז דער חסד געגעבן געוואָרן
8 לויט דער מאָס פון דעם משיחס מתנה. דערפאַר
זאָגט ער:

וועןער איז אַרויפגעגאַנגען אינדערהויך,
האָט ער געפאַנגענשאַפט גענומען געפאַנגען
און געגעבן מתנות צו די מענטשן. (תהלים סח, יט.)

9 און דאָס ער איז אַרויפגעגאַנגען, וואָס באַטייט עס,
אויב נישט אַז ער איז אויך אַראָפּגעגאַנגען אין די
10 נידריקסטע טיילן פון דער ערד? דער, וואָס איז
אַראָפּגעגאַנגען, איז דער זעלביקער, וואָס איז אַרויפ־
געגאַנגען העכער פון אַלע הימלען, כּדי אַלץ ממלא
11 צו זיין. און האָט געגעבן אייניקע פאַר שליחים,
און אייניקע פאַר נביאים, און אייניקע פאַר מבשרים,
12 און אייניקע פאַר פּאַסטוכער און מלמדים; צו דער
פאַרפולקאָמונג פון די הייליקע פאַר דעם טון
פון דער עבודה, צום אויפבויען פון דעם משיחס
13 גוף, ביז מיר אַלע וועלן דערגרייכן צו דער אחדות
פון אמונה און דערקענטעניש פון דעם בן אלקים,
צום פולקאָמענעם מענטשן, צו דער מאָס פון דעם
14 וואוקס פון משיחס פולקייט; כּדי מיר זאָלן מער
נישט זיין קיין קינדער, פון כוואַליעס געשטויסן
און אַרומגעטראָגן פון יעדן ווינט פון לערנונג,
דורך דער באַטריגערישקייט פון מענטשן, דורך